גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

זמנים (NYC)
הדלקת הנרות.................7:44
מוצאי שב"ק...................9:14

שיעורים כסדרן
נ"ך.............................איוב ו'-ז'
בבלי...............עבודה זרה נ"ב
ירושלמי.............כתובות מ"ג
תוספתא.................קרבנות ב'
רמב"ם.......................שכנים י"ב

פרשת ואתחנן, שבת נחמו, חמשה עשר באב, שנת תשפ"ה לפ"ק, אבות פרק ג' — שנה 14, גליון 46 (714)

אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וָאֶתְחַנַּן אֶל ה' בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר. זָאגְן חֲזַ"ל (דְּבָרִים רַבָּה יא, ט): משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פִינְף הוּנְדֶערְט אוּן פוּפְצְן תְּפִילוֹת אַז עֶר ווִיל אַרַיינְגֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט (דְּבָרִים ג, כו): **רַב לָךְ אַל תּוֹסֶף דַּבֵּר אֵלַי עוֹד בַּדָּבָר הַזֶּה**, בֶּעט נִישְׁט מֶער. ווֶען משֶׁה רַבֵּינוּ וָואלְט ווֶען גֶעבֶּעטְן נָאךְ אֵיין תְּפִלָּה, וָואלְט עֶר גֶעקֶענְט אַרַיינְגֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהֵייסְן אוֹיפְהֶערְן בֶּעטְן.

חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת לב:): **אִם רוֹאֶה אָדָם שֶׁהִתְפַּלֵּל וְלֹא נֶעֱנֶה, יַחְזוֹר וְיִתְפַּלֵּל**, ווֶען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ זַאךְ אוּן מֶען זֶעט אַז מֶען ווֶערְט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן – זָאל מֶען נָאכְאַמָאל בֶּעטְן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים כז, יד): **קַוֵּה אֶל ה', חֲזַק וְיַאֲמֵץ לִבֶּךָ וְקַוֵּה אֶל ה'**; מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְן ווֶען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען זֶעט נָאכְנִישְׁט דִי יְשׁוּעָה, מֶען דַארְף וַוארְטְן אוּן וַוייטֶער בֶּעטְן בִּיז מֶען ווֶערְט גֶעהָאלְפְן. דָאס לֶערְנְט אוּנְז משֶׁה רַבֵּינוּ דָא אוֹיס, אַז מֶען דַארְף בֶּעטְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אֲפִילוּ מֶען זֶעט אַז מֶען ווֶערְט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן, בֶּעט מֶען וַוייטֶער, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט.

שַׁבָּת נַחֲמוּ אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער שַׁבָּת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טְרֵייסְט אוּנְז אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מִיר הָאבְן טַאקֶע נִישְׁט דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, מֶען הָאט אוּנְז פַארְטְרִיבְן אִין גָלוּת, אָבֶער צַדִּיקִים הָאבְן מִיר, מִיר הָאבְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי טְרֵייסְט אוּנְז, "נַחֲמוּ" אִיז אַזוֹי ווִי דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען "נַחְמָן", ווֶען מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים, אָדֶער מֶען הֶערְט דֶעם רֶבִּינְ'ס קוֹל, הֵייבְט מֶען פְּלוּצְלוּנְג אָן צוּ בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערְפַאר קוּמְט אוֹיס יֶעדֶעס יָאר פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן אִין שַׁבָּת נַחֲמוּ, וַוייל דֶעם רֶבִּינְ'ס גַאנְצֶע זַאךְ אִיז גֶעווֶוען תְּפִלָּה. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן צג): **אִיךְ ווִיל נָאר אֵיין זַאךְ – אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין יֶעדְן אֵיינֶעם תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים פַארְצֵיילְן אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים**. דִי גַאנְצֶע זַאךְ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אִיז אֵיין וָוארְט: **"בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן" אוּן "רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן"**, דָאס אִיז גַאנְץ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶ חֲסִידוּת, אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ אִיז דִמְיוֹנוֹת אוּן נַארִישְׁקֵייטְן.

אִיךְ גֶעדֶענְק ווֶען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"ש הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט דְרָשׁוֹת פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ עֶס זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט טוּן אָבֶער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט, הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט ווִי מוֹהֲרָא"ש זָאגְט בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אַן עֵצָה אַז מֶען קֶען בֶּעטְן אוֹיף דֶעם זֶעלְבְּסְט, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל רֶעדְן צוּ דִיר", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם פַארְוָואס מִיט אַ חָבֵר קֶען אִיךְ שְׁמוּעֶסְן אוּן מִיט דִיר קֶען אִיךְ נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן?!" "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם פַארְוָואס קֶען אִיךְ רֶעדְן צוּ יֶעדְן אוֹיסֶער צוּ דִיר, ווֶען אִיךְ טְרַאכְט צוּ רֶעדְן צוּ דִיר, קוּמְט מִיר אַרַיין אִין קָאפּ אַז מָארְגְן ווֶעל אִיךְ שׁוֹין רֶעדְן צוּ דִיר? פַארְוָואס גֶעשֶׁעט אַז ווֶען אִיךְ הֵייבּ נָאר אָן צוּ רֶעדְן צוּ דִיר מַאכְן זִיךְ מַיינֶע אוֹיגְן צוּ, אִיךְ הֵייבּ אָן גֶענִיצְן"?**

עֶס ווֶערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַ מַעֲשֶׂה (עַיֵּין בְּסֵפֶר נוֹצֵר חֶסֶד, פֶּרֶק ד', מִשְׁנָה ד'; וּבְדִבְרֵי יְחֶזְקֵאל פַּרְשַׁת עֵקֶב), אֵיידֶער דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים: "אַזוֹי ווִי אִיךְ גֵיי שׁוֹין נִסְתַּלֵּק ווֶערְן פוּן דִי ווֶעלְט, זָאלְסְט עֶטְס זוּכְן אַ נֵייעֶר רֶבִּי", הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים אִים גֶעפְרֶעגְט: "צוּ ווֶעם זָאלְן מִיר גֵיין?" הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: "אִיךְ גֶעבּ עֶנְק אַ סִימָן ווִי אַזוֹי מֶען קֶען דֶערְקֶענֶען צִי דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַן אֱמֶת'עֶר צַדִּיק, אוֹיבּ ווֶעט עֶטְס אִים בֶּעטְן אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי צוּ הָאבְן אַ רֵיינֶע מֹחַ מַחֲשָׁבָה אוּן עֶר ווֶעט עֶנְק גֶעבְן אַן עֵצָה– זָאלְסְט עֶטְץ אַנְטְלוֹיפְן פוּן אִים, דָאס אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אֵיין שְׁטִיק בְּלָאף, אָבֶער אוֹיבּ ווֶעט עֶר עֶנְק זָאגְן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שׁוּם עֵצָה, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערוֹיף – זָאלְט עֶטְס גֵיין צוּ אִים."

דָאס גֵייט זַיין ווֶען מָשִׁיחַ ווֶעט קוּמֶען, דָאס אִיז דִי גְאוּלָה, דָאס גֵייט זַיין דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אַז יֶעדֶער אֵיינֶער אֲפִילוּ קִינְדֶער ווֶעלְן אַנֶערְקֶענֶען אוּן לֶעבְן מִיט דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף.

(אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, וָאֶתְחַנַּן תשפ"ב)

מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

שַׁבָּת נַחֲמוּ

דִי וָואךְ לֵיינֶען מִיר דִי הַפְטוֹרָה פוּן "שַׁבָּת נַחֲמוּ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טְרֵייסְט דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, ווִי חֲזַ"ל זָאגְן (אֵיכָה רַבָּתִי א', נ"ז), דִי אִידְן הָאבְן גֶעזִינְדִיגְט טָאפְּלְט, ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (אֵיכָה א', ח') "חֵטְא חָטְאָה יְרוּשָׁלַיִם", זֵיי זֶענֶען טָאפְּלְט גֶעשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארְן, ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְשַׁעְיָה מ', ב') "כִּי לָקְחָה מִיַּד ה' כִּפְלַיִם בְּכָל חַטֹּאתֶיהָ", אוּן זֵיי ווֶערְן טָאפְּלְט גֶעטְרֵייסְט, "נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי יֹאמַר אֱלֹקֵיכֶם" (יְשַׁעְיָה מ', א').

וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דָאס ווֶערְן "טָאפְּלְט" גֶעטְרֵייסְט? ווִי אַזוֹי טְרֵייסְטְן זִיךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער? אוּן וָואס הָאט עֶס שַׁיְיכוּת מִיט דִי וָואכֶעדִיגֶע פַּרְשָׁה, פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנָּן?

דֶער עִיקָר טְרֵייסְט וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת, ווֶענְדְט זִיךְ נָאר אִין ווִיפִיל עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַוְקָא ווֶען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ מַתְּנַת חִנָּם, אַזוֹי ווִי רַשִׁ"י זָאגְט אָנְהוֹיבּ דִי וָואכֶעדִיגֶע פַּרְשָׁה "וָאֶתְחַנַּן אֶל ה'", משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִים גֶעבְן אַ מַתְּנַת חִנָּם, נִישְׁט וַוייל סְ'קוּמְט זִיךְ אִים.

ווֶען אַ אִיד אַנֶערְקֶענְט אַז אַלֶעס וָואס עֶר הָאט אִין לֶעבְן, סֵיי בְּרוּחְנִיּוּת אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיּוּת, אִיז נָאר אַ

<<<<<<

א גוט ווארט

דִי מַחְשָׁבוֹת וָואס שְׁטוּרֶעמֶען אִין מֹחַ, אַז מֶען קֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, מֶען אִיז שׁוֹין אַ פַארְפַאלֶענֶער, אוּן כְּאִילוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מִיךְ מֶער נִישְׁט וְכוּ' וְכוּ'; דִי מַחְשָׁבוֹת לָאזְן נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ קוּמֶען צוּ ווֶערְן אַ צַדִּיק, דִי מַחְשָׁבוֹת זֶענֶען אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ, עֶס טוּט דֶערְוַוייטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל, מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין דִי עֶרְשְׁטֶע אוֹת פוּן סֵפֶר הַמִּדּוֹת: "מִי שֶׁרוֹצֶה לְדַבֵּק אֶת עַצְמוֹ בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", ווֶער עֶס ווִיל זִיךְ צוּקְלֶעבְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "עַד שֶׁיֵּלֵךְ בְּמַחֲשַׁבְתּוֹ מֵהֵיכָל אֶל הֵיכָל", אוּן עֶר זָאל גֵיין מִיט זַיין מֹחַ מַחְשָׁבָה פוּן אֵיין פַּלַאץ צוּ אַ הֶעכֶערֶע פַּלַאץ, "וְיִרְאֶה אֶת הַהֵיכָלוֹת בְּעֵינֵי הַשֵּׂכֶל", אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען דִי הֵיכָלוֹת מִיט זַיינֶע אוֹיגְן, "יִשְׁמֹר אֶת עַצְמוֹ", זָאל עֶר זִיךְ אָפְּהִיטְן, "מִלּוֹמַר שֶׁקֶר אֲפִלּוּ בְּטָעוּת", פוּן זָאגְן לִיגְנְט אֲפִילוּ בְּטָעוּת; זָאגְט מוֹהֲרָא"ש, דָאס מֵיינְט מֶען דִי לִיגְנְט פוּן טְרַאכְטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מִיךְ נִישְׁט, אִיךְ בִּין שׁוֹין פַארְפַאלְן, דָאס פַארְשְׁטֶעלְט דָאס ווֶערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דִי שֶׁקֶר מֵיינְט דֶער רֶבִּי, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה דְבָרִים תשפ"ה)

אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

בִּיטֶערֶע שְׁוֶועֶרֶע נִסְיוֹנוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ה' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ג מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

קוּם אִין שׁוּל דַאוֶנֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת, קוּם אִין שׁוּל מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, קוּם אָנְגֶעטוּן מִיט אַ הוּט אוּן רֶעקְל. דֶער שׁוּל אִיז דִי הוֹיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר וָואס גֵייט אַרִיבֶּער - זָאלְסְטוּ נָאךְ וַוייטֶער קוּמֶען אִין שׁוּל, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקנה): "דוּ וֵוייסְט וֶועם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ גֶעפְּרֶעגְלְטְן אִיד"; אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים בִּיטֶערֶע שְׁוֶועֶרֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, עֶר קוּמְט וַוייטֶער אִין שׁוּל דַאוֶנֶען אוּן לֶערְנְט וַוייטֶער דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - אִים הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ.

דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ, אוּן אַז עֶס אִיז דִיר גָאר בִּיטֶער - זָאלְסְטוּ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט: "דֶער עִיקָר אִיז זִיךְ דֶערְהַאלְטְן", דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ, וַוייל דָאס חֲשִׁיבוּת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ זֶעט מֶען וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים שְׁוֶועֶרֶע בִּיטֶערֶע צָרוֹת אוּן דָאךְ דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוּן קַיין תַּרְעוּמוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה.

גֵיי אַ שְׁפַּאצִיר אוּן רֶעד זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן אוּן רַחֲמָנוּת הָאבְן אוֹיף דִיר, אוּן זַיי זִיךְ מְבַטֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רעט): "אַז עֶס אִיז גָאר בִּיטֶער אִיז מֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵל", אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "אֵיךְ מְבַטְלִין עַצְמוֹ", וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מְבַטֵל, וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען אִיז אִין אַ שְׁוֶועֶרֶע מַצָּב אִין מֶען שְׁפִּירְט וִוי מֶען פַאלְט אִינְגַאנְצְן אַוֶועק? הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "מֶען פַארְמַאכְט זִיךְ דִי מוֹיל אוּן דִי אוֹיגְן– דָאס אִיז בִּיטוּל", מֶען פְרֶעגְט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת.

צַדִיקִים הָאבְן גֶעזָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים עט, י): "לָמָּה יֹאמְרוּ הַגּוֹיִם", אַ גוֹי זָאגְט "לָמָּה – פַארְוָואס?" אָבֶּער אַ אִיד זָאגְט: "אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט הָאט אַ חֶשְׁבּוֹן", מֶען פַארְמַאכְט זִיךְ דָאס מוֹיל אוּן מֶען פְרֶעגְט נִישְׁט: "פַארְוָואס?" "פַאר וֶוען?" וַוייל מֶען וֵוייסְט אַז אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט, מֶען פַארְמַאכְט דִי אוֹיגְן אוּן מֶען וִויל גָארְנִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, מֶען גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס אִיז לְטוֹבָה.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ס:): "לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם רָגִיל לוֹמַר", אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זָאגְן שְׁטֶענְדִיג: "כָּל דְּעָבִיד רַחֲמָנָא לְטַב עָבִיד", אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט דָאס אַרַיין אִין זִיךְ, עֶר לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דָאס אִיז נָאר פַאר זַיין אֵייבִּיגֶע טוֹבָה, דַאן לֶעבְּט עֶר שׁוֹין יֶעצְט אִין 'גַן עֵדֶן'. אַזַא אֵיינֶער טְרַאכְט נִישְׁט פוּן אַוֶועק פַאלְן אָדֶער אַנְדֶערֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת פוּן זִיךְ נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן רַחֲמָנָא לִצְלָן, אַזַא אֵיינֶער וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים אַ שְׁוֶועֶרֶע צַייט וֶוערְט עֶר נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וָאֶתְחַנַּן תשפ"ה)

סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּפִלָּה

פא. תְּפִלָּה שֶׁהִיא בְּשִׂמְחָה הִיא עֲרֵבָה וּמְתוּקָה לַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. אַ תְּפִלָּה וָואס וֶוערְט גֶעזָאגְט פְרֵיילִיכֶערְהֵייט, אִיז גֶעשְׁמַאק אוּן זִיס פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פב. מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ עֲנָוָה, אֲפִלּוּ כְּשֶׁמִּתְפַּלֵּל בְּמַחֲשָׁבָה, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה מַחֲשַׁבְתּוֹ. וֶוער עֶס הַאלְט זִיךְ קְלֵיין, אֲפִילוּ וֶוען עֶר אִיז מִתְפַּלֵל נָאר מִיט מַחְשָׁבָה, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּן וָואס דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט.

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס הָאט אִים דָאס גֶעשָׁאנְקֶען מִיט זַיינֶע גְרוֹיסֶע חֲסָדִים, אוּן טַאקֶע דֶערְפַאר וָואס אַלֶעס אִיז נָאר מַתָּנוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען דֶער מֶענְטְשׁ בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר וִויל, וַוייל בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דָאךְ נִישְׁט דָא קַיין גְרֶענִיצְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען אוּנְז דָאךְ אַלֶעס גֶעבְּן, עֶר וַוארְט נָאר צוּ הֶערְן וִוי דֶער מֶענְטְשׁ בֶּעט אִים, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (שִׁיר הַשִּׁירִים ב', י"ד) "הַשְׁמִיעִנִי אֶת קוֹלֵךְ", אוּן וָואס מִיר וֶועלְן נָאר בֶּעטְן, וֶועט עֶר אוּנְז גֶעבְּן; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט צוּ דִי הַכָּרָה, וֶוערְט עֶר גֶעטְרֵייסְט פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת.

אַלֶע צָרוֹת פוּן אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט זִיךְ נָאר וַוייל עֶר מֵיינְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פַארְגֶעסְן פוּן אִים, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף אִים, עֶר וִויל אִים נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן, אוּן עֶר וִויל אִים נָאר אוֹיסְטֵיילְן צָרוֹת. וֶוען מְ'וֵוייסְט אָבֶּער דֶעם אֱמֶת אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זוּכְט נָאר אוּנְזֶער טוֹבָה, אַלֶעס וָואס עֶר גֶעבְּט אוּנְז אִיז נָאר צוּם גוּטְן, וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ זִיךְ שְׁטַארְקְן וַוייטֶער צוּ רֶעדְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף, אוּן דַאן וֶועט אִים זַיין גוּט אִין לֶעבְּן.

מְ'קֶען אָבֶּער נִישְׁט וַוארְטְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר וֶוען מְ'וֶועט הָאבְן אַ רוּאִיגֶער מֹחַ, אַ יִשּׁוּב הַדַּעַת, מֶען דַארְף אַלֶעמָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, סֵיי וֶוען מְ'אִיז מְסוּדָר אוּן סְ'רֶעדְט זִיךְ מִיט גֶעשְׁמַאק, אוּן סֵיי וֶוען מְ'שְׁפִּירְט אִינְגַאנְצְן צֶעפָּארְן אוּן פוּל מִיט בִּלְבּוּלִים, אַלְץ דַארְף מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. פַארְקֶערְט, אַמָאל קוּמְט אַרוֹיס דִי אֱמֶת'ע וֶוערְטֶער פוּן הַארְץ דַוְקָא וֶוען מְ'פִילְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן טוּנְקְל אוּן אוֹיסְגֶעלָאשְׁן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קי"ב).

דָאס אִיז דִי טָאפֶּלְטֶע נֶחָמָה מִיט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טְרֵייסְט אוּנְז, סוֹף כָּל סוֹף וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ זֶען אַז עֶר הָאט גֶעמוּזְט צוּקוּמֶען צוּ בֵּיידֶע סָארְט תְּפִלּוֹת, סֵיי מִיט גֶעפִילְן אוּן גֶעשְׁמַאק, אוּן סֵיי אָן דֶעם, וַוייל נָאר דוּרְךְ דִי פָּשׁוּטֶע וֶוערְטֶער וָואס עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֱמֶת וֶוען זַיין הַארְץ אִיז גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן פַארְשְׁטָאפְּט, דַוְקָא דָאס הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּ קֶענֶען וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אָנְהוֹיבְּן שְׁפִּירְן דִי זִיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יֶעצְט, אוּם שַׁבָּת נַחֲמוּ, אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט אָנְצוּהוֹיבְּן זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ רֶעדְן עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי נִידְרִיג מְ'שְׁפִּירְט זִיךְ, וִוי גֶעפַאלְן מְ'זָאל נָאר זַיין, וַוייל יֶעדֶעס וָוארְט וָואס אַ אִיד רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַצְלָחָה פַאר'ן מֶענְטְשׁ, אוּן דָאס וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן אוּן אִים הֶעלְפְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

אָן קַיין גֶעפִיל

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן צ"ט) אַז אַ אִיד דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען שְׁטֶענְדִיג צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, סֵיי וֶוען עֶר הָאט אַ גֶעפִיל דֶערִין, אוּן סֵיי וֶוען עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעפִיל, אֲפִילוּ וֶוען עֶר קֶען נָאר רֶעדְן קַאלְטֶערְהֵייט. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ אָן אַ גֶעפִיל, וֶועט זִיךְ סוֹף כָּל סוֹף עֶפֶענֶען זַיין הַארְץ אוּן עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען אַ גֶעפִיל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט עֶר אוֹטָאמַאטִישׁ אוֹיךְ אוֹיפְהוֹיבְּן אַלֶע תְּפִלּוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אָן קַיין גֶעפִיל.

דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט מִיט דֶעם דֶער פָּסוּק אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה (דְּבָרִים ג, כג) "וָאֶתְחַנַּן אֶל ה' בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר", טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי, "וָאֶתְחַנַּן אֶל ה'" - אַ אִיד זָאל שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, סֵיי עֶר הָאט אַ גֶעפִיל אוּן סֵיי וֶוען עֶר הָאט נִישְׁט. וַוייל "בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר" - עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וֶוען עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען אַ גֶעפִיל אוּן דִי וֶוערְטֶער וֶועלְן זִיךְ זָאגְן פוּן זַיין מוֹיל וִוי גֶעשְׁמִירְט, אוּן דַאן וֶועט עֶר אַלֶעס פַארֶעכְטְן.

דָאס אִיז נִישְׁט נָאר בַּיים רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ בַּיים לֶערְנֶען תּוֹרָה, אָדֶער בַּיים טוּן מִצְוֹת. אַ אִיד דַארְף דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פְּרוּבִּירְן אַרַיינְצוּכַאפְּן וִוי מֶער תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, אֲפִילוּ וֶוען עֶר טוּט דָאס נָאר קַאלְטֶערְהֵייט אָן קַיין שׁוּם גֶעפִיל אוּן אָן קַיין פַארְשְׁטַאנְד, אֲפִילוּ וֶוען דִי תּוֹרָה וּמִצְוֹת זֶעעֶן אוֹיס הַאלְבּ-גֶעבַּאקְן, עֶס הָאט נִישְׁט קַיין טַעַם אוּן קַיין גֶעשְׁמַאק, וַוייל בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ וָואס אַ אִיד שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן צוּ טוּן פַאר אִים.

וֶוען אַ אִיד דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין גֶעפִיל, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין גֶעשְׁמַאק אִין זַיין לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין דִי מִצְוֹת וָואס עֶר אִיז מְקַיֵים, אִיז דָאס נָאךְ אַסַאךְ מֶער חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. וַוייל עֶס קוּמְט אִים אָן אַסַאךְ שְׁוֶועֶרֶער דָאס צוּ טוּן וִוי פַאר אֵיינֶעם וָואס שְׁפִּירְט יָא אַ גֶעשְׁמַאק דֶערִין. אוּן דֶערִיבֶּער אִיז דָאס נָאךְ מֶער חָשׁוּב, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ גְרוֹיסֶע נַחַת רוּחַ פוּן דֶעם. אוּן וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט אַז דֶער אִיד שְׁטְרֶענְג זִיךְ אָן אוּן דִינְט אִים וִויפִיל עֶר קֶען, וֶועט עֶר אִים זִיכֶער צוּם סוֹף הֶעלְפְן אַז עֶר זָאל יָא בַּאקוּמֶען דֶעם גוּטְן טַעַם אוּן קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּשְׁלֵימוּת מִיט אַ חִיוּת אוּן גֶעשְׁמַאק.

חֲזַ"ל זָאגְן (מְגִילָּה ו':) "אִם יֹאמַר לְךָ אָדָם יָגַעְתִּי וּמָצָאתִי, תַּאֲמִין - אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט דִיר אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְּלָאגְט אוּן עֶר הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, דַאן זָאלְסְטוּ אִים גְלֵייבְּן". שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ קַשְׁיָא, אוֹיבּ הָאט יֶענֶער טַאקֶע

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, דַארְף מֶען נִישְׁט בְּלוֹיז גְלֵייבְּן, מֶען קֶען דָאךְ זֶען מִיט דִי אוֹיגְן אַז עֶר הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען. גְלֵייבְּן דַארְף מֶען נָאר אַ זַאךְ וָואס מֶען קֶען נִישְׁט זֶען מִיט דִי אוֹיגְן.

זָאגְט רֶבִּי נָתָן (לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת בִּרְכַּת הַפֵּירוֹת הֲלָכָה ה') אַז וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רוּחְנִיּוּת, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָארְט דַארְף מֶען יָא גְלֵייבְּן, נִישְׁט אֵייבִּיג זֶעט מֶען מִיט דִי פְלֵיישִׁיגֶע אוֹיגְן דִי הַצְלָחָה, אַמָאל אִיז דָא אַ מֶענְטְשׁ וָואס פְּלָאגְט זִיךְ אוּן מוּטְשֶׁעט זִיךְ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר זֶעט נִישְׁט אַז עֶר זָאל מַצְלִיחַ זַיין. דַארְף מֶען אָבֶּער גְלֵייבְּן אַז עֶר הָאט זִיכֶער מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, וַוייל דָאס אַלֵיין אַז עֶר פְּלָאגְט זִיךְ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז זַיין גְרֶעסְטֶע הַצְלָחָה. וֶוען אַ אִיד הָאט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, וֵוייסְט עֶר אַז יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט וָואס עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶע הַצְלָחָה, אֲפִילוּ נָאר אַ גוּטֶע מַחְשָׁבָה, אֲפִילוּ עֶר הָאט נָאר גֶעטְרַאכְט אַז עֶר ווִיל זַיין וואוּיל, וֶוערְט דָאס אוֹיךְ נִישְׁט פַארְלוֹירְן, יֶעדֶע זַאךְ וֶוערְט אַוֶועקְגֶעלֵייגְט, אוּן אַזוֹי זַאמְלְט זִיךְ אָן אַסַאךְ גוּטֶע זַאכְן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט הָאבְּן דִי סַבְלָנוּת אוּן אוֹיסְוַוארְטְן, וֶועט עֶר צוּם סוֹף אוֹיךְ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען זַיין הַצְלָחָה מִיט דִי אֵייגֶענֶע אוֹיגְן אָפֶּענֶערְהֵייט.

מֶען לֵייגְט צוּ נָאר אֵיין "אֵיינְסֶער"

אַ אִינְגֶערְמַאן אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ הרה"ק רֶבִּי דָוִד מֹשֶׁה מִטְשׁוּרְטְקוֹב זי"ע אוּן זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז לֶעצְטְנְס הָאט זַיין שְׁוֶוער אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ דַאוֶוענֶען, עֶר גֵייט מֶער נִישְׁט אִין שׁוּל אוּן עֶר דַאוֶוענְט מֶער נִישְׁט. אוּן אַזוֹי ווִי דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט גֶעוואוּסְט אַז זַיין שְׁוֶוער גֵייט אַסַאךְ צוּ דֶעם צַדִּיק, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם צַדִּיק אוֹיבּ עֶר קֶען רֶעדְן מִיט זַיין שְׁוֶוער, אוּן זֶען אַז עֶר זָאל זִיךְ פַארֶערְכְטְן אוּן צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן צוּ דַאוֶוענֶען.

דֶער צַדִּיק הָאט גֶעלָאזְט רוּפְן דֶעם שְׁוֶוער, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶס אִיז אֱמֶת וָואס מֶען דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ דַאוֶוענֶען. הָאט דֶער אִיד גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז אֱמֶת, אוּן דִי סִיבָּה דֶערְצוּ אִיז וַוייל עֶר הָאט בַּאמֶערְקְט אַז וֶוען עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ דַאוֶוענֶען קוּמֶען אִים אַרַיין אִין קָאפּ אַלֶע סָארְט שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, אוּן ווִיפִיל עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט זִיךְ אָפְּצוּשָׁאקְלֶען דֶערְפוּן אִיז עֶס אִים נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, עֶר קֶען נִישְׁט פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר גֶעקְלֶערְט אַז עֶס אִיז שׁוֹין עֶנְדֶערְשׁ נִישְׁט צוּ דַאוֶוענֶען בִּכְלַל אוּן פָּטוּר אַן עֵסֶק. אַנְשְׁטָאט צוּ הָאבְּן אַזַא צוּהַאקְטֶע אוּן נַארִישֶׁע דַאוֶוענֶען מִיט יֶענְץ פָּנִים, וֶועט עֶר עֶנְדֶערְשׁ אָפְּלָאזְן דֶעם גַאנְצְן דַאוֶוענֶען.

דֶער צַדִּיק הָאט אִים אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּן דֶערְנָאךְ הָאט עֶר אִים אוֹיפְגֶעקְלֶערְט אַז עֶר טוּט נִישְׁט רִיכְטִיג "אוֹיבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט דַאוֶוענֶען וֶועט זִיכֶער גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן פוּן דַיין גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט, אוֹיבּ אָבֶּער דוּ וֶועסְט זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ דַאוֶוענֶען אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס ווִי עֶס זֶעט אוֹיס, וֶועלְן אָבֶּער מִיט דִי צַייט זִיךְ צַאמְקוּמֶען דִי אַלֶע יְגִיעוֹת וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ גֶעפְּלָאגְט צוּ דַאוֶוענֶען, אוּן דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין אַז דַיין דַאוֶוענֶען וֶועט יָא הָאבְּן אַ שֵׁיינֶעם פָּנִים".

אוּן עֶר הָאט דָאס אִים שֵׁיין אַרַיין גֶעטַייטְשְׁט אִין פָּסוּק. דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים פז, ו) "ה' יִסְפֹּר בִּכְתוֹב עַמִּים", הָאט דֶער צַדִּיק גֶעטַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צֵיילְט אוֹיף דִי וֶועג ווִי אַזוֹי דִי פֶעלְקֶער שְׁרַייבְּן". וֶוען דִי אִידְן שְׁרַייבְּן נוּמֶערְן שְׁרַייבְּט מֶען "אֵיינְס", "צֶען" "הוּנְדֶערְט" א.א.וו. אוּן דִי זֶעלְבֶּע אוֹיף לָשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ, שְׁרַייבְּט מֶען אוֹיךְ דִי נוּמֶערְן מִיט וֶוערְטֶער, "אֶחָד", "עֲשָׂרָה", "מֵאָה" א.א.וו. ווִידֶער בַּיי דִי גוֹיִם הָאבְּן זֵיי דִי נוּמֶערְן וָואס זֵיי שְׁרַייבְּן צוּם בֵּיישְׁפִּיל "1", "10", "100". אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צֵיילְט דִי נוּמֶערְן לוֹיט ווִי דִי גוֹיִם צֵיילְן עֶס.

אוּן דֶער צַדִּיק הָאט אִים מַסְבִּיר גֶעוֶוען: וֶוען דוּ דַאוֶוענְסְט אַזַא צוּהַאקְטֶע דַאוֶוענֶען, ווִיפִיל דוּ פְּרוּבִּירְסְט זִיךְ אָנְצוּשְׁטְרֶענְגֶען צוּ דַאוֶוענֶען ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, גֵייט עֶס נִישְׁט. דוּ פִילְסְט מַמָּשׁ אַז דִי גַאנְצֶע דַאוֶוענֶען אִיז נָאר אַ "זִירָאוּ", עֶס אִיז מַמָּשׁ גָארְנִישְׁט וֶוערְד. אָבֶּער אַ "זִירָאוּ" אִיז דָאךְ עֶס יָא. אוּן אַזוֹי קְלוֹיבְּט זִיךְ צוּזַאם אַסַאךְ "זִירָאוּ'ס" בִּיז עֶס קוּמְט אֵיין טָאג אוּן דָאס הַארְץ וֶועקְט זִיךְ אוֹיף אוּן מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן אַ נָאנְטְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן לֵייגְט מֶען צוּ נָאר אֵיין "אֵיינְסֶער", מֶען לֵייגְט צוּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיז דֶער אֶחָד יָחִיד וּמְיוּחָד, אוּן וֶוען מֶען לֵייגְט צוּ אַן "אֵיינְסֶער" צוּ זֶעקְס "זִירָאוּ'ס" הָאסְטוּ שׁוֹין אַ מִילְיָאן! אוּן ווִי מֶער "זִירָאוּ'ס" מֶען לֵייגְט צוּ, יֶעדֶעס מָאל וָואס מֶען שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן צוּ טוּן אַ גוּטֶע זַאךְ, אֲפִילוּ וֶוען עֶס נִישְׁט אַזוֹי גֶעלוּנְגֶען, אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז נָאר אַ "זִירָאוּ", אוֹיבּ אִיז אָבֶּער דֶער "אֵיינְסֶער" אוֹיף דִי לִינְקֶע זַייט, אוֹיבּ הָאט מֶען דֶעם אֵיינְצִיגְן בַּאשֶׁעפֶער מִיט זִיךְ, דַאן ווִי מֶער "זִירָאוּ'ס" מֶען לֵייגְט צוּ, אַלְץ גְרֶעסֶער וֶוערְן דִי נוּמֶערְן.

מִיט דִי וֶוערְטֶער הָאט אִים דֶער צַדִּיק זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען, אַז אֲפִילוּ עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין אִידִישְׁקֵייט, זָאל עֶר זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ טוּן וָואס אוּן ווִי אַזוֹי עֶר קֶען נָאר, אוּן סוֹף כָּל סוֹף וֶועט עֶר זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אוּן עֶר פְּלָאגְט זִיךְ צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אֲפִילוּ וֶוען עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט דֶעם גֶעשְׁמַאק, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶער נַחַת רוּחַ פוּן אִים, אוּן עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ז עֵרֶךְ יְגִיעוֹת - פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן)

שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

אָפְּזָאגְן שִׁידוּךְ פוּן צֶעבְּרָאכֶענֶע מִשְׁפָּחָה?



שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל זִיךְ נָאכְאַמָאל בַּאדַאנְקֶען אוֹיף אַלֶע עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּט מִיר כְּסֵדֶר.

יֶעצְט הָאבּ אִיךְ אַ ווִיכְטִיגֶע שְׁאֵלָה צוּ פְרֶעגְן, מֶען הָאט מִיר יֶעצְט אָנְגֶעטְרָאגְן אַ שִׁידוּךְ, אַ מֵיידְל פוּן אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע מִשְׁפָּחָה, וָואס דִי מַאמֶע אִיז אַרִיבֶּער עֶפֶּעס אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ פַאר עֶטְלִיכֶע יָאר צוּרִיק, אוּן זַייט דֶעמָאלְט הָאט מֶען צֶעטֵיילְט דִי קִינְדֶער בַּיי קְרוֹבִים, אוּן דִי מֵיידְל הָאט אַ בְּרוּדֶער הֶעכֶער אִיר וָואס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט פִיזִישׁ אוּן גֵייסְטִישׁ.

מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן מִיר גֶעפְרֶעגְט צִי זֵיי זָאלְן זִיךְ בִּכְלַל נָאכְפְרֶעגְן אוֹיף אִיר, אָדֶער זָאלְן זֵיי גְלַייךְ אָפְּזָאגְן דֶעם שִׁידוּךְ. אִיךְ הָאבּ גְלַייךְ גֶעזָאגְט אַז עֶס זֶעט מִיר נִישְׁט אוֹיס גוּט, שְׁפֶּעטֶער הָאבּ אִיךְ אָבֶּער גֶעטְרַאכְט צוּ פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס צוּ טוּן.

אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן צוּ הֶערְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט וֶועגְן דֶעם.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ב' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י"ח תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

זָאג נִישְׁט אָפּ קַיין שִׁידּוּכִים; וָואס הָאט צוּטוּן אַז דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען צֶעטֵיילְט וְכוּ' - מִיט דִי קִינְדֶער? עֶס זֶענֶען דָא אַזוֹיפִיל טַייעֶרֶע גוּטֶע קִינְדֶער פוּן צֶעבְּרָאכֶענֶע שְׁטִיבֶּער וָואס הָאבְּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט הֶערְלִיכֶע שְׁטִיבֶּער לְשֵׁם וּלְתִפְאֶרֶת; זָאלְסְטוּ נִישְׁט אָפְּזָאגְן קַיין שִׁידּוּכִים צוּלִיבּ וָואס דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען צֶעטֵיילְט, אוּן אוֹיךְ נִישְׁט צוּלִיבּ אַ בְּרוּדֶער וְכוּ'.

זָאג דַיינֶע עֶלְטֶערְן אַז דוּ ווִילְסְט מֶען זָאל וַוייטֶער גֵיין מִיט דִי שִׁידּוּךְ, וַוייל זַיין אַלֵיין אִיז זֵייעֶר נִישְׁט גוּט, מֶען מוּז חֲתוּנָה הָאבְּן, מֶען קֶען נָאר זַיין אָפְּגֶעהִיטְן בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה אַז מֶען אִיז חֲתוּנָה גֶעהַאט. דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (הַאֲזִינוּ רצו.): "מַאן דְּלָא אִשְׁתְּכַח דְּכַר וְנוּקְבָא, אִקְרֵי פְּלַג גּוּפָא", פַאר מֶען הָאט חֲתוּנָה - אִיז מֶען נִישְׁט קַיין גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ, מֶען אִיז הַאלְבּ, "וְלֵית בִּרְכָתָא שַׁרְיָא בְּמִלָּה פְּגִימָא וַחֲסֵירָא, אֶלָּא בַּאֲתַר שְׁלִים", עֶס פֶעלְט דִי בְּרָכוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס קוּמְט נָאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט חֲתוּנָה.

זָאג נִישְׁט אָפּ קַיין אֵיין שִׁידּוּךְ, אוּן אַז מֶען טְרָאגְט דִיר אָן אַ שִׁידּוּךְ וָואס דִי מֵיידְל אִיז גֶעזוּנְט אוּן זִי ווִיל אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שְׁטוּבּ, זִי ווִיל אוֹיפְצִיעֶן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת - זָאלְסְטוּ גֵיין צוּם שִׁידּוּךְ. וַוארְף אַוֶועק אַלֶע חָכְמוֹת, זַיי זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן גָארְנִישְׁט, אֵיין זַאךְ זָאלְסְטוּ הַאלְטְן פַאר דַיינֶע אוֹיגְן: ווִי פְרִיעֶר חֲתוּנָה הָאבְּן.

זָאג יֶעדְן טָאג דִי "קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים". דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת חִיתּוּן, סִימָן ו): "מִי שֶׁקָּשֶׁה לוֹ לִמְצֹא זִוּוּגוֹ, יַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ לִקְרוֹת בְּקָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים", וֶועם עֶס קוּמְט אָן שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידּוּךְ, זָאל זָאגְן אַסַאךְ דִי 'קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים'; דָאס אִיז דִי קְרִיאָה וָואס מֶען לֵיינְט חֲנוּכָּה, פוּן (בַּמִּדְבָּר ז, א): "וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה לְהָקִים אֶת הַמִּשְׁכָּן", בִּיז סוֹף סֶדְרָה; דָאס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין יֶעדֶע סִידּוּר בַּיי קְרִיאַת הַתּוֹרָה - קְרִיאָה לַחֲנוּכָּה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פִּנְחָס תשפ"ה)

דִי לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (ריז)

תשל. דִינְסְטָאג, כ"ה תִּשְׁרֵי, אִינְדֶערפְרִי נָאכְ'ן עֶנְדִיגְן דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית בַּיי וָתִיקִין, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעגֶעסְן פַּת שַׁחֲרִית, אוּן עֶר הָאט מֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט רֶעדְן צוּ קֵיינֶעם, עֶר אִיז גְלַייךְ אַוֶועקְגֶעפָארְן פוּן דָארְט מִיט זְרִיזוּת.

פַאר רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעבְּרֶענְט דָאס הַארְץ צוּ זוֹכֶה זַיין כָאטְשׁ נָאךְ אֵיינְמָאל צוּ זֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זִיךְ אָנְזֶעטִיגְן מִיט דִי צוּרָה פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס פָּנִים, אוּן אֶפְשָׁר וֶועט עֶר נָאךְ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ הֶערְן נָאךְ עֶפֶּעס אַ וָוארְט פוּן רֶבִּי'ן, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְלוֹיפְן צוּפִיס נָאכְ'ן רֶבִּינְ'ס וָואגְן. כָאטְשׁ וָואס עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר אַ פִיסְגֵייעֶר צוּ קֶענֶען נָאכְלוֹיפְן אוּן דֶערְגְרַייכְן אַ וָואגְן וָואס פָארְט שְׁנֶעל מִיט שְׁטַארְקֶע פֶערְד, פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ אַז עֶס גֵייט אִים גָארְנִישְׁט אָן, עֶר וֶועט נָאכְלוֹיפְן דֶעם רֶבִּי'ן, אוּן אֶפְשָׁר וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּפִירְן אַז עֶר וֶועט קֶענֶען דֶערְכַאפְּן דֶעם וָואגְן.

עֶר אִיז נָאכְגֶעלָאפְן דֶעם וָואגְן פַאר אַ שְׁטִיק וֶועג, אוּן אִינְצְוִוישְׁן אִיז דֶער וָואגְן אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ בַּארְג, אוּן אוֹיפְ'ן וֶועג אַרָאפּ דֶעם בַּארְג הָאט מֶען פַארְשְׁטַייטֶערְט דֶעם גֶעלוֹיף פוּנֶעם וָואגְן וִוי דֶער שְׁטֵייגֶער אִיז גֶעוֶוען, אוּן דֶערְנָאךְ אִיז מֶען אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אַ בְּרִיק, אוּן דָארְט הָאט אָפְּגֶעוַוארְט אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וַוייל עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז בַּיים בְּרִיק וֶועט דֶער וָואגְן זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן, אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז אִין דִי אַכְסַנְיָא וֶועט עֶר נִישְׁט קֶענֶען רֶעדְן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, אוּן דֶערִיבֶּער אִיז עֶר גֶעשְׁטַאנֶען דָארְט אָפְּצוּוַוארְטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אַזוֹי וִוי דֶער וָואגְן הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהַאלְטְן בַּיים בַּארְג אוּן בַּיים בְּרִיק, דוּרְךְ דֶעם הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעקֶענְט דֶערְגְרַייכְן דֶעם וָואגְן, אוּן אוֹיךְ ר' נַפְתָּלִי הָאט זִיךְ דָארְט מִיטְגֶעכַאפְּט, וַוייל זֶעעֶנְדִיג וִוי רֶבִּי נָתָן לוֹיפְט נָאךְ דֶעם וָואגְן, הָאט עֶר אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן לוֹיפְן צוּזַאמֶען מִיט רֶבִּי נָתָן, אוּן אַזוֹי זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען דָארְט אַלֶע דְרֵיי בַּיים בְּרִיק.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי דָארְט גֶעזֶען הָאט עֶר הֲנָאָה גֶעהַאט אוּן גֶעשְׁמֵייכְלְט צוּ זֵיי, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "וָואס ווִילְט אִיר? אָדֶער זָאל אִיךְ אַייךְ גֶעבְּן אַ בְּרָכָה, אָדֶער זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן תּוֹרָה?", הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעעֶנְטְפֶערְט, "רֶבִּי, אַ בְּרָכָה וֶועט אִיר אוּנְז גֶעבְּן וֶוען אִיר וֶועט אִם יִרְצֶה ה' צוּרִיק קוּמֶען בְּשָׁלוֹם אַהֵיים פוּן לֶעמְבֶּערְג, אָבֶּער יֶעצְט זָאלְט אִיר אוּנְז זָאגְן תּוֹרָה". דֶער רֶבִּי אִיז צֶעפְלַאמְט גֶעוָוארְן וִוי זַיין שְׁטֵייגֶער, זַיין פָּנִים הָאט גֶעבְּרֶענְט וִוי אַ פַאקֶל, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "אוֹיבּ אַזוֹי, וֶועל אִיךְ אַייךְ דֶערְצֵיילְן דִי אָנְהוֹיבּ פוּן מַיין נְסִיעָה, פַארְוָואס אִיךְ פָאר יֶעצְט קַיין לֶעמְבֶּערְג", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי גֶעזָאגְט דֶעם גַאנְצְן עִנְיָן וָואס שְׁטֵייט בַּיים סוֹף פוּן דִי תּוֹרָה "אֲזַמְּרָה" (זֶע אוֹיבְּן אִין סִימָן תשכ"ז), אַז דֶער צַדִּיק אִיז דֶער שְׁלִיחַ צִיבּוּר, עֶר וֶועט גֶעשִׁיקְט דוּרְכְ'ן גַאנְצְן צִיבּוּר, אוּן וָואס עֶס שְׁטֵייט דָארְט וַוייטֶער אַז אִין יֶעדְן דוֹר אִיז דָא אַ פַּאסְטוּךְ, וָואס עֶר אִיז וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אוּן עֶר בּוֹיעֶט אַ מִשְׁכָּן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער דֶער פְּשַׁט אִין דִי מִשְׁנָה "בְּאֱמֶת אָמְרוּ הַחַזָּן רוֹאֶה", וִוי מֶען קֶען זֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אִינֶעוֵוייניג (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רפ"ב). נָאכְ'ן עֶנְדִיגְן דִי תּוֹרָה אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען דֶער עֶרְשְׁטֶער אִיד וָואס הָאט דָארְט אָפְּגֶעוַוארְט בַּיים בְּרִיק אוּן זִיךְ גֶעזֶעגְנְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן אִים גֶעקוּשְׁט דִי הַאנְט, דֶערְנָאךְ הָאט רֶבִּי נָתָן זִיךְ גֶעזֶעגְנְט אוּן גֶעקוּשְׁט דֶעם רֶבִּינְ'ס הַאנְט, אוּן דַאן אִיז אוֹיךְ ר' נַפְתָּלִי צוּגֶעגַאנְגֶען זִיךְ גֶעזֶעגֶענֶען מִיט אַ קוּשׁ אִין דִי הַאנְט, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גְלַייךְ גֶעזָאגְט דֶעם בַּעַל עֲגָלָה צוּ פָארְן וַוייטֶער, אוּן עֶר אִיז גֶעפָארְן בְּשָׁלוֹם צוּם שְׁטָאט לֶעמְבֶּערְג.

וָואס אִיז דֶער שַׁייכוּת פוּן דִי תּוֹרָה צוּם רֶבִּינְ'ס נְסִיעָה קַיין לֶעמְבֶּערְג, קֶען מֶען זֶען שֵׁיין עֶרְקְלֶערְט בַּאֲרִיכוּת אִינֶעם סֵפֶר "פַּרְפְּרָאוֹת לְחָכְמָה" אוֹיף דִי תּוֹרָה, אוּן אוֹיךְ אִינֶעם סֵפֶר "שְׁפַת הַנַּחַל" אוֹיף דִי תּוֹרָה. דָארְט קֶען מֶען זֶען גָאר וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכְן, דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס עֶר הָאט אַלְץ אוֹיפְגֶעטוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָואס עֶר הָאט אַלְץ צוּגֶעגְרֵייט פַאר דִי וֶועלְט, אוּן וִוי אַזוֹי מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וֶועט אַיינְנֶעמֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט מִיטְ'ן שֵׂכֶל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **משולם פינטער** הי"ו קרית ברסלב
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

מו"ה **יעקב קרויס** הי"ו קרית יואל
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

מו"ה **יואל קרויס** הי"ו ביתר עילית
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

מו"ה **יהושע העשיל דובדבני** הי"ו ירושלים עיה"ק
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

מו"ה **אשר לעמל זוסמאן** הי"ו קרית ברסלב
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

מו"ה **אשר קרויס** הי"ו קרית ברסלב
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

מו"ה **מנחם דוד יעקבזאן** הי"ו מודיעין עילית
גבאי ביהמ"ד "היכל הקודש" מודיעין עילית
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

מו"ה **מרדכי לייב טירנויער** הי"ו קרית יואל
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

מו"ה **אהרן סאמעט** הי"ו ביתר עילית
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

מו"ה **ישראל וואלערשטיין** הי"ו ירושלים עיה"ק
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

החתן **דוד טשינאגל** הי"ו וויליאמסבורג
צו זיין שמחת החתונה למזל טוב עב"ג בת
מו"ה **נפתלי זאבעל** הי"ו קרית יואל

מו"ה **ישראל מאיר ראטטענבערג** הי"ו קרית יואל
צו די שמחת בר מצוה פון זיין זון למזל טוב
הבחור **יושע** נ"י

מו"ה **אהרן שווארץ** הי"ו צפת
צו די אפשערן פון זיין זון נחמן פנחס נ"י למז"ט

מו"ה **ישעי' רעכניצער** הי"ו בית שמש
צו זיין שידוך שליסן למזל טוב עב"ג

כולל היכל הקודש

א הארציגן דאנק לידידינו היקרים
מו"ה **אליעזר שמן** הי"ו
שותף הכולל - חודש אב
מו"ה **ישראל חיים ברוין** הי"ו
און מו"ה **מנחם זאב שטערן** הי"ו
פרנסי הכולל - חודש אב
דער אייבערשטער זאל אייך בענטשן מיט אלעס גוטס

פאלגט נישט

מלמדים/לערערינס/עלטערן, וואס טוט
מען מיט א קינד וואס פאלגט נישט?
ווי אזוי געבט מען זיך אן עצה?
קול ברסלב
212-444-9191
1, 2, 4, 2, 1, 244

נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

"אינוועסט" קאמפיין

גייענדיג צום דרוק האלטן מיר אין פולן שוואונג פונעם יערליכן "אנשי חיל" קאמפיין, וואס לויפט דאס יאר אונטערן נאמען "אינוועסט", אין וואס אלע אנשי שלומינו זענען אנגעשלאסן צוזאמצונעמען נדבות פון קרובים און באקאנטע, ארויסצוהעלפן דעם ראש ישיבה שליט"א אנצוגיין מיט זיין הייליגע ארבעט.

מיר באקומען אזויפיל מתנות און חיזוק פונעם ראש ישיבה שליט"א אין לויף פונעם גאנצן יאר, און יעצט איז די צייט, איינמאל א יאר, ווען מיר קענען ארויסווייזן אביסל אונזער הכרת הטוב פאר'ן ראש ישיבה שליט"א.

דאס צוזאמנעמען צדקה פאר'ן קאמפיין, איז די גרעסטע און בעסטע אינוועסטמענט וואס מען קען אינוועסטירן אין זיך אליין, אין די אייגענע משפחה, און אין די אייגענע קהלה. מען העלפט בויען מוסדות, שולן, מקוואות, קעמפס, און אלעס וואס פעלט אויס פאר די הייליגע קהלה, אז מיר זאלן ווייטער קענען הנאה האבן, אז אונזערע קינדער זאלן ווייטער קענען בליען, אז דער ראש ישיבה שליט"א זאל אונז ווייטער קענען פירן און מחזק זיין און ברענגען נענטער צום אייבערשטן.

דעם דאנערשטאג איז פארגעקומען א הערליכער מעמד איינצופעדעמען דעם קאמפיין. די "אינוועסט" קאמפיין וועט לויפן אי"ה דינסטאג, מיטוואך, און דאנערשטאג פרשת עקב, איבער 700 אנשי שלומינו, פון אמעריקע און פון ארץ ישראל, האב זיך שוין אנגעשלאסן אינעם קאמפיין, מיט'ן נעמען א ציל וויפיל זיי ווילן אריינברענגען פאר'ן יערליכען קאמפיין.

אין די טעגליכע בריוון פון די וואך, האט דער ראש ישיבה שליט"א עטליכע מאל שטארק פארלאנגט פון יעדן פון אנשי שלומינו אן אויסנאם, צו גיין נאך צדקה פאר די הייליגע מוסדות, דאס ראטעוועט פון אלעם שלעכטס און דאס ברענגט אלעס גוטס.

אנשי שלומינו ווען ווידעראמאל געבן א געלעגנהייט פאר כלל ישראל צו נעמען א חלק אין דעם הייליגן אמונה פאבריק "היכל הקודש" וואס באלייכט די גאנצע וועלט מיט אירע הערליכע פעולות פון פארשפרייטן אמונה, חיזוק, פאר יעדן איד.

אפדעיטס איבער'ן קאמפיין קען מען הערן אויפ'ן "קול ברסלב" טעלעפאן ליניע, דורכ'ן דרוקן נומער אכט 8.

חיזוק צום טיר

איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב,
קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים,
סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;
דעליווערט צו אייער טיר!
רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו
718-387-2691
און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

הדפסת הגליון נתנדב ע"י מו"ה דוד טשינגל הי"ו, לכבוד זיין שמחת החתונה למזל טוב עב"ג